בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קמ"ג

פרשת משפטים
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - אִין אָנְהֵייבּ אִיז שְׁוֶוער -

### נִישְׁטָא קַיין אַלְטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת

אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן מַתָּן תּוֹרָה שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יט, א): **"בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם"**, אִינֶעם דְרִיטְן חוֹדֶשׁ פוּן וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דָאס אִיז רֹאשׁ חֹדֶשׁ סִיוָן, **"בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי"**, זֶענֶען דִי אִידְן אָנְגֶעקוּמֶען צוּם מִדְבַּר סִינָי. פְּרֶעגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל בַּיּוֹם הַזֶּה): פַארְוָואס שְׁטֵייט: 'בַּיּוֹם הַזֶּה' - אִין דֶעם טָאג, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: 'בַּיּוֹם הַהוּא' - אִין יֶענֶעם טָאג? עֶנְטְפֶערְט רַשִׁ"י, דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען: **"שֶׁיִּהְיוּ דִּבְרֵי תוֹרָה חֲדָשִׁים עָלֶיךָ כְּאִלּוּ הַיּוֹם נְתָנָם"**, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְף עֶס זַיין נֵיי כְּאִילוּ מֶען הָאט עֶס הַיינְט בַּאקוּמֶען.

בְּפַּשְׁטוּת אִיז דִי כַּוָונָה אַז דִי תּוֹרָה טָאר נִישְׁט זַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ וִוי אַן אַלְטֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק דֶערְצוּ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן: **"אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין נֶעכְטְן גֶעלֶערְנְט"**, **"אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין גֶעלֶערְנְט פַארְיָאר"**, נָאר עֶס מוּז שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרִישׁ, מֶען זָאל עֶס לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט עֶס הַיינְט בַּאקוּמֶען.

אָבֶער דָאס אִיז אוֹיךְ אַ וִויכְטִיגֶער לִימּוּד פַאר אַ מְלַמֵּד. אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ יֶעדְן טָאג בַּאנֵייעֶן פוּן פְרִישׁ, אוּן נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג. וֶוען אַ מְלַמֵּד קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט זַיינֶע טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים - תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא חָטְאוּ, דַארְף עֶר קוּמֶען מִיטְן בְּלִיק אַז **"בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי"** - מִיר זֶענֶען הַיינְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי, מִיר גֵייעֶן פוּן הַיינְט אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶס עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן נֶעכְטְן אוּן פוּן פָארִיגֶע וָואךְ וְכוּ'.

אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט הַאלְטְן אַלְטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיף דִי קִינְדֶער אַז 'דֶער קִינְד הַאלְט דָאךְ בַּיי גָארְנִישְׁט', אוּן 'דֶער קִינְד אִיז גֶעוֶוען אַ מְחוּצָף', אוּן 'דֶער קִינְד - זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֵוייסְן דָאךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִים צוּ מְחַנֵּךְ זַיין' וְכוּ' וְכוּ'. עֶר דַארְף טְרַאכְטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַ לִימּוּד זְכוּת, אֶפְשָׁר הָאט זִיךְ דָאס קִינְד נֶעכְטְן מִתְחַצֵּף גֶעוֶוען וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג, אָדֶער וֶועגְן עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע סִיבָּה. אוּן עֶר דַארְף וִויסְן בַּיי זִיךְ: 'הַיינְט אִיז אַ נֵייעֶ טָאג אוּן אִיךְ דַארְף גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַ פְרִישֶׁע גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַצְלִיחַ זַיין'.

פְרֶעגְט אַ מְלַמֵּד: אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין נֶעכְטְן, אֵייעֶר נֶעכְטְן אוּן פָארִיגֶע וָואךְ גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם קִינְד אַ פְרִישֶׁע גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ זַיין וואוֹיל, וְוִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר?! דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: גֶעבּ אִים נָאךְ אֵיין שַׁאנְס; עֶס קֶען זַיין אַז הַיינְט גֵייט עֶר טַאקֶע וֶוערְן אַ וואוֹיל קִינְד. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט בְּשַׁעַת עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אֵיי אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין נֶעכְטְן גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער - אָבֶער הַיינְט מֵיין אִיךְ עֶס אֱמֶת'דִיג, אֵיי אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין נֶעכְטְן אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ מֵיין עֶס אֱמֶת'דִיג - אָבֶער יֶעצְט מֵיין אִיךְ עֶס טַאקֶע אֱמֶת'דִיג"**.

אַ מְלַמֵּד דַארְף יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ תְּפִלָּה: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ הַיינְט נִישְׁט צֶעאַמְפֶּערְן מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעפִירְט. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי לִיבּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן חֵן אִין דִי קִינְדֶערְ'ס אוֹיגְן אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, וַוייל אוֹיבּ אִיז דָא חֵן, עֶס וֶועט זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מִיר אוּן דִי קִינְדֶער - וֶועל אִיךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין"**.

### אַן אַלְטֶע עָבַר קֶען נָאר צוּגֶעבְּן קָאפּ וֵוייטָאג

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאט מִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן פוּנֶעם פַארְיֶערִיגְן מְלַמֵּד וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן זַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט אוֹיף דִי קִינְדֶער? אִיךְ וִויל גֶעבְּן אַ פְרִישֶׁע גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר דִי קִינְדֶער צוּ זַיין וואוֹיל'.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טוּ אִיךְ נָאךְ עַד הַיּוֹם הַזֶּה; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מִיר אַ בָּחוּר זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבַת **"תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב"**, פְרֶעג אִיךְ זִיךְ גָארְנִישְׁט נָאךְ אוֹיפְן בָּחוּר בַּיי זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע יְשִׁיבָה, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט זַיין עָבַר, וַוייל דָאס וֶועט מִיר נָאר מַאכְן קָאפּ וֵויי.

וֶוען אַ בָּחוּר קוּמְט זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן אִין יְשִׁיבָה פְרֶעג אִיךְ אִים אֵיין זַאךְ: **"פַארְוָואס ווִילְסְטוּ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, בְּלוֹיז וַוייל דַיין טַאטֶע הָאט דִיךְ דָא אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אָדֶער**

**וַוייל דוּ ווִילְסְט דָא לֶערְנֶען?"** וַוייל כְּדֵי אַ בָּחוּר זָאל בֶּאֱמֶת קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין יְשִׁיבָה אִיז ווִיכְטִיג עֶר אַלֵיין זָאל ווֶעלְן זַיין אִין דֶעם פְּלַאץ, אַזוֹי ווֶעט זַיין בַּיי אִים חָשׁוּב אוֹיסְצוּהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט אִין יְשִׁיבָה.

## נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער סַארְקַאסְטִישׁ

אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט פְּרֶעגְן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים דִי פְּרַאגֶע: **"פַארְוָואס קוּמְסְטוּ אִין חֵדֶר, וַוייל דַיין טַאטֶע הָאט דִיךְ דָא אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן, אָדֶער וַוייל דוּ אַלֵיינְס ווִילְסְט דָא זַיין?"** וַוייל קִינְדֶער זֶענֶען דָאךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר, זֵיי קוּמֶען טַאקֶע וַוייל זֵייעֶר טַאטֶע הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט אִין חֵדֶר, אִיז אוֹיבּ דֶער מְלַמֵד ווֶעט זֵיי פְּרֶעגְן: **"פַארְוָואס קוּמְסְטוּ אִין חֵדֶר?"** ווֶעלְן זֵיי עֶנְטְפֶערְן דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת: **"וַוייל מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעהֵייסְן"...**

בִּכְלַל דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער סַארְקַאסְטִישׁ, מֶען קֶען נִישְׁט נִיצְן פַאר קִינְדֶער דֶעם סָארְט שְׁפְּרַאךְ פוּן: **"אַז דוּ הַאלְסְט נִישְׁט בַּיים קוּמֶען אִין חֵדֶר, דוּ קוּמְסְט נָאר וַוייל דַיין טַאטֶע הָאט דִיךְ אַהֶער גֶעשִׁיקְט - דַארְפְסְטוּ בִּכְלַל נִישְׁט קוּמֶען!"** אַ מְלַמֵד דַארְף אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה צוּ מַאכְן דֶעם טָאג גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן ווֶעלְן קוּמֶען אִין חֵדֶר.

### רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער שֵׁיין, זִיס אוּן צוּקֶערְדִיג

מֶען זֶעט בַּיי מַתַּן תּוֹרָה, אֵיידֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (שְׁמוֹת כ, ב): **"אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ!"** - אִיךְ בִּין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען דַארְף אַיינְהַאלְטְן מַיינֶע מִצְוֹת, הָאט עֶר קוֹדֶם גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן שֵׁיינֶע צוּקֶערְדִיגֶע ווֶערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (שָׁם יט, ד-ה): **"אַתֶּם רְאִיתֶם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרָיִם"**, עֶטְץ הָאטְס גֶעזֶען דִי שְׁטַארְקֶע שְׁטְרָאפְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן פַאר דִי מִצְרַיִים, כָאטְשׁ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט פוּן פְרִיעֶר פִּיל עֲבֵירוֹת, פוּן דֶעסְט ווֶעגְן הָאבּ אִיךְ זֵיי נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט - נָאר ווען זֵיי הָאבְּן עֶנְק שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן. **"וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים"**, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעטְרָאגְן אוֹיף דִי פְלִיגְלֶען פוּן אָדְלֶערְס. דָאס מֵיינְט אַז שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים יַם סוּף הָאט דֶער וָואלְקְן זוֹיל אַרַיינְגֶעכַאפְּט דִי פַייְלְן אוּן שְׁפִּיצִיגֶע שְׁטֵיינֶער וָואס דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעוָוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן, אַזוֹי ווִי דֶער אָדְלֶער פִירְט זִיךְ ווֶען אֵיינֶער שִׁיסְט אוֹיף אִים אַ פַייל אַז עֶר לֵייגְט זַיינֶע קְלֵיינֶע פֵייגְל אוֹיף זַיינֶע פְלִיגְלֶען אוּן עֶר זָאגְט: בֶּעסֶער זָאלְן דִי פַייְלְן אַרַיינְגֵיין אִין מִיר אֵיידֶער זֵיי זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין מַיינֶע קִינְדֶער. **"וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי"**, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעבְּרֶענְגְט נָאנְט צוּ מִיר. **"וְעַתָּה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי וּשְׁמַרְתֶּם אֶת בְּרִיתִי"**, אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ עֶטְץ ווֶעטְס צוּהֶערְן צוּ מַיין קוֹל אוּן עֶטְץ ווֶעטְס אָפְּהִיטְן מַיין תּוֹרָה. **"וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים"**, ווֶעט עֶטְץ זַיין בַּאלִיבְּט בַּיי מִיר מֶער פוּן דִי אַלֶע פֶעלְקֶער, אַזוֹי ווִי אַן אוֹצָר פוּן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען אוּן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס קֶענִיגְן פַארְמָאגְן, וָואס דִי זַאכְן זֶענֶען בַּאלִיבְּט בַּיי זֵיי, זֵיי ווֶעלְן עֶס נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְּן פַאר קֵיינֶעם נָאר בַּאהַאלְטְן בַּיי זִיךְ, אַזוֹי ווֶעט זַיין אוֹיךְ דָאס שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט פוּן מִיר צוּ עֶנְק. **"כִּי לִי כָּל הָאָרֶץ"**, ווִיבַּאלְד דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט אִיז מַיינְ'ס, אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ עֶנְק אוֹיסְגֶעוֶועלְט, אִיז דָאס אַ צֵייכְן אַז עֶטְץ זֶענְטְס אוֹיף מִיר בַּאלִיבְּט מֶער ווִי אַלֶע פֶעלְקֶער פוּן דִי ווֶעלְט.

דָאס אִיז אַ לִימוּד פַאר אַ מְלַמֵד צוּ זֶען ווִי אַזוֹי עֶר דַארְף רֶעדְן צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים; אֵיידֶער עֶר ווִיל זֵיי זָאגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, דַארְף עֶר רֶעדְן צוּ זֵיי אַסַאךְ שֵׁיינֶע זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע ווֶערְטֶער ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן ווִי גוּט עֶס צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה.

### אִין אָנְהֵייבּ אִיז שְׁווֶער, שְׁפֶּעטֶער ווֶערְט עֶס זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק

אַ שֵׁיינֶע לִימוּד זֶעט מֶען אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה; רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם יט, ה, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְעַתָּה), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: **"אִם עַתָּה תְּקַבְּלוּ עֲלֵיכֶם יֶעֱרַב לָכֶם מִכָּאן וְאֵילָךְ - שֶׁכָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת"**, אִין אָנְהוֹיבּ ווֶעט עֶנְק זַיין שְׁווֶער צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער ווֶעט עֶס ווֶערְן פַאר עֶנְק זֵייעֶר זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

אַ מְלַמֵד דַארְף זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז אִין אָנְהֵייבּ אִיז טַאקֶע שְׁווֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ טוּן וָואס דִי תּוֹרָה פַארְלַאנְגְט, מֶען דַארְף זִיךְ מוּטְשֶׁען, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער ווֶערְט עֶס זֵייעֶר זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ זָאגְן פַאר קִינְדֶער דֶעם כְּלַל: **"שֶׁכָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת - אִין אָנְהֵייבּ אִיז שְׁווֶער"**; מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער נָאר: **"קוּק אַרַיין אִין חוּמָשׁ!" "קוּק אַרַיין אִין גְמָרָא!"** מֶען דַארְף אוֹיךְ זָאגְן פַאר קִינְדֶער: **"אֶפְשָׁר ווֶעט דִיר זַיין אַבִּיסְל שְׁווֶער צוּ מִיטְהַאלְטְן דָאס פָארְלֶערְנֶען, אֶפְשָׁר ווֶעט דִיר זַיין אַבִּיסְל שְׁווֶער זִיךְ צוּ וַואשְׁן פַארְן דַאוֶוענֶען, נִישְׁט אַרוֹיסְצוּקוּקְן פוּן סִידוּר בַּיים דַאוֶוענֶען, זִיךְ צוּ שָׁאקְלֶען בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוֹיפְן קוֹל, אֶפְשָׁר ווֶעט דִיר זַיין אַבִּיסְל שְׁווֶער נִישְׁט אוֹיסְצוּרֶעדְן אִינְמִיטְן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן צוּ בֶּענְטְשְׁן פוּן אִינֶעוֵויינִיג, אֶפְשָׁר ווֶעט דִיר זַיין אַבִּיסְל שְׁווֶער צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע אוּן אַ רֶבִּי, אֶפְשָׁר ווֶעט דִיר זַיין אַבִּיסְל שְׁווֶער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, - אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער ווֶעט דִיר ווֶערְן זִיסֶער אוּן זִיסֶער".**

אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דָאס לֶערְנֶען אִיז עֶר בַּיים סוֹף זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן גָאר אַ זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): **"מַדּוּעַ לֹא תִּלְמַד"**, פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? **"מַה תַּפְסִיד בָּזֶה, הֲלֹא תְּקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד"**, אַז דוּ ווֶעסְט לֶערְנֶען ווֶעסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן, דוּ ווֶעסְט בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא, **"וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ"**, אָפְּגֶערֶעדְט ווען דִי תּוֹרָה ווֶעט זִיךְ אַרוֹיסְוַוייזְן פַאר דִיר, זִי ווֶעט דִיר וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט - ווֶעסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט ווֶעלְן, דוּ ווֶעסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט דַארְפְן קַיין שְׂכַר, ווֶעסְט נָאר ווֶעלְן נָאךְ אוּן נָאךְ לֶערְנֶען.

### דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים

אַ מְלַמֵד דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. מִיט אַ מַעֲשֶׂה קֶען מֶען כַאפְּן דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע קִינְדֶער פוּן כִּתָּה; אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן הֵייסֶע קָאכֶעדִיגֶע בְּלוּט אוּן זֵיי דְרֵייעֶן אַלְץ אִיבֶּער אִין כִּתָּה.

הַיינְט אִיז דָא זֵייעֶר שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וָואס עֶנְטְהַאלְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶדְרָשִׁים, פוּן גְמָרָא אוּן פוּן צַדִּיקִים; זָאל זִיךְ דֶער מְלַמֵד פָארְגְרֵייטְן צוּ דֶערְצֵיילְן

# המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

יעדן טאג א מעשה פון א צדיק, און ער זאל אויפזוכן אזעלכע מעשיות וואס ברענגען ארויס ווי די צדיקים האבן געבעטן דעם אייבערשטן, מכבד געווען טאטע מאמע, און געלערנט תורה. מען דארף נישט זוכן נייע מעשיות, מען קען איבער דערציילן די זעלבע פאר מעשיות נאכאמאל און נאכאמאל.

א מלמד דארף זאגן פאר זיינע תלמידים אז פאר אלע צדיקים איז געווען שווער אין אנהייב, זיי האבן זיך זייער געמוטשעט צו ווערן וואס זיי זענען געווארן, זיי האבן געהאט שווערע ביטערע נסיונות, שווערער ווי מיר האבן, נאר וויבאלד זיי האבן זיך דערהאלטן - זענען זיי אויסגעוואקסן אזוי גרויס. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן מח): **"איך האב געהערט פון אמת'ע צדיקים, זיי האבן געזאגט אז זיי האבן אויך געהאט שווערע ביטערע נסיונות, זיי האבן געשפירט ביי זיך ווי קיינער דארף זיי נישט, זיי האבן געהאט שווערע מלחמות - ביז זיי האבן מנצח געווען דעם יצר הרע".**

# בריון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## וואס קען איך געבן פאר די קינדער צו טון נאך חדר?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב צוויי בחורים און א גרויסער אינגל, און איך מוטשע זיך וואס זיי צו געבן צו טון נאך חדר און ישיבה. אביסל ליינען זיי, אביסל העלפן זיי און אביסל שפילן זיי, אבער עס בלייבט נאכאלץ איבער אסאך צייט וואס זיי גייען ממש ליידיג. זיי שטייען אויף מיין ווייב'ס קאפ און אלעם ווערט אנגעצויגן? וואס זאל איך טון?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת פנחס, י"ג תמוז, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווער עס וויל זוכה זיין צו ערליכע קינדער, ערליכע דורות, איז דא איין עצה - תפלה; בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם.

מוהרא"ש ברענגט זייער אסאך אין די בריוו די מעשה וואס די הייליגע חכמים דערציילן (תנא דבי אליהו רבא, פרק יח): "מעשה בכהן אחד", עס איז געווען א כהן, "שהיה ירא שמים בסתר", זייער אן ערליכער איד, "והיו לו עשרה בנים מאשה אחת", ער האט געהאט צען קינדער, "ששה זכרים וארבע נקבות", זעקס זון און פיר טעכטער, "ובכל יום ויום היה מתפלל ומשתטח ומתחנן ומבקש רחמים", ער פלעגט יעדן טאג זיך אראפווארפן אויף דער ערד, וויינען און בעטן דעם אייבערשטן, "ומלחך בלשונו עפר", ער פלעגט אויפלעקן דער ערד מיט זיין צינג (דאס איז אן אויסדרוק ווי איינער פארפירט און וויל עפעס פועל'ן) - "כדי שלא יצא אחד מהן לידי עבירה ולידי דבר מכער", אז אלע זיינע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן און קיינער זאל נישט צוקומען צו קיין עבירות, "אמרו, לא יצתה אותה שנה ולא שנית ולא שלישית", און מען דערציילט אויף אים, עס איז נישט אריבער קיין סאך צייט, נאך א קורצע צייט, - "עד שבא עזרא והעלה את ישראל מבבל, והעלה אותו כהן עמהם", האט עזרא הסופר צוריק געברענגט אלע אידן קיין ארץ ישראל און אויפגעבויט דעם בית המקדש, און דער איד איז אויך געווען פון די וואס זענען צוריק געגאנגען קיין ירושלים, "עד שראה כהנים גדולים ופרחי כהונה מבניו ומבני בניו עד חמשים שנה, ואחר כך נכנס אותו כהן לבית עולמו", ביז ער האט זוכה געווען ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל מיט אלע זיינע קינדער צוזאמען מיט עזרא הסופר, און אלע זיינע קינדער זענען געווארן כהנים גדולים אין בית המקדש. און דער כהן האט זוכה געווען צו קינדער און אייניקלעך וואס אלע פון זיי האבן געטון די עבודה אינעם בית המקדש; זעט מען פון דעם אז תפלה איז די עצה זוכה צו זיין צו ערליכע קינדער.

העלף דיין ווייב מחנך זיין די קינדער, קום אהיים צייטליך העלפן לייגן שלאפן די קליינע קינדער און מיט די עלטערע קינדער זאלסטו פארברענגען און זיי אויפבויען; חינוך הבנים והבנות איז זייער א הייליגע ארבעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת פנחס, שנת תשפ"ג)

## וואס טוט מען מיט א קינד וואס שלאגט?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיין פיר יעריג אינגל הערט נישט אויף שלאגן און טיילן מכות פאר יעדן וואס שטייט אים אין וועג, ממש יעצט האב איך געכאפט קלעפ פון אים מיט א שירעם; וואס טוט מען?

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

וֶוען אִיךְ שְׁלָאג אִים הֶעלְפְּט עֶס נִישְׁט, אוּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים הֶעלְפְּט זִיכֶער נִישְׁט, אָבֶער דֶער מַצָּב אִיז שׁוֹין נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן. אִיךְ קֶען אִים שְׁלָאגְן גָאר שְׁטַארְק אוֹיף אַ וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן אַ קִינְד, אָבֶער אִיךְ וֵוייס בַּיי מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ פַארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט? יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעוָואלְט צוּבִּינְדְן דִי הֶענְט אוּן פִּיס אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט וֵויי טוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶער אַיינְגֶעהַאלְטְן; וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער יָא טוּן?

עֶר וֶוערְט צֶעוִוילְדֶעוֶועט מַמָּשׁ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט נִישְׁט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים; וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלָאגְן הֶעלְפְּט נִישְׁט, שְׁרַייעֶן הֶעלְפְּט אוֹיךְ נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טוּט נָאר פַאר חִינוּךְ נֶערְוֶועזֶערְהֵייט – הֶעלְפְּט נִישְׁט.

חִינוּךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אָבֶער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, טו): "שֵׁבֶט וְתוֹכַחַת", דֶער שְׁטֶעקְן אוּן דִי שְׁטְרָאף רֵייד, "יִתֵּן חָכְמָה", גֶעבְּט חָכְמָה פַארְ'ן קִינְד; אַז מֶען לֶערְנְט אַ קִינְד וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן – וֶוערְט עֶר קְלוּג. נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין אִיז זֵייעֶר גְרִינְג בַּיים אָנְהוֹיבּ, אָבֶער בַּיים סוֹף קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג, אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט וַוייטֶער (שָׁם): "וְנַעַר מְשֻׁלָּח", אוּן דֶער קִינְד וָואס אִיז פַארְשִׁיקְט, דָאס הֵייסְט מֶען לָאזְט אִים גֵיין אוּן קוּמֶען, טוּן וָואס עֶר וִויל – "מֵבִישׁ אִמּוֹ", פַארְשֶׁעמְט זַיין מַאמֶע.

חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", אַ קִינְד אִיז צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵיי. עֶלְטֶערְן דַארְפְּן אוֹיסְלֶערְנֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן צְוֵויי יָאר אַלְט – צוּ פָאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, נִישְׁט דוּרְךְ שְׁרַייעֶן אוּן שְׁלָאגְן. וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס? דוּרְךְ זָאגְן אֵיין מָאל אוּן צְוֵויי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל אוּן הוּנְדֶערְט מָאל אוּן טוֹיזְנְט מָאל: "מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ טַאטֶע", "מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ מַאמֶע" – בִּיז דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֶלְטֶערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם", עֶס אִיז גֶעזוּנְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי, "לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם" נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צִי שְׁטַארְק צוּ זֵיי, "לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם", זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, "רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי; וַוייל וֶוען מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ צִי סַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער – מֵיינֶען דִי קִינְדֶער אַז טַאטֶע אִיז אַ חַבֶר, רֶעדְן זֵיי צוּם טַאטְן וִוי צוּ אַ חַבֶר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא, שנת תשפ"ג)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876